גליון ט' שנה א'

פרשת אחרי קדושים
תשפ"ו

# בחור'ל

חיזוק, עצה און הדרכה פאר די ימי הבחרות


## בריוו פון דער ראש ישיבה

### שאלה: ימי הספירה

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

כ'האב אמאל געהערט א שיעור פון א רב איבער הלכות בין המצרים, און ער האט געזאגט אז דער איסור פון הערן ניגונים אין בין המצרים איז נאר פרייליכע ניגונים, וואס דאס ווערט אנגערופן מחולות, אבער וואורימע ניגונים מעג מען יא. ערגעץ האב איך אבער געליינט אז מען טאר נישט, וויל איך וויסן וואס די הלכה איז ביי דעם.

יישר כח.

### תשובה

לכבוד ... יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

#### ספירה הערט מען נישט מוזיק

אין די ספירה טעג זענען מיר מתאבל אויף די פיר און צוואנציג טויזענט תלמידים פון דעם הייליגן תנא רבי עקיבא וואס זיי זענען אויסגעשטארבן אין די טעג פון ספירה, אזוי ווי חכמינו זכרונם דערציילן (יבמות סב:): **"שְׁנַיִם עָשָׂר אֶלֶף זוּגִים תַּלְמִידִים הָיוּ לוֹ לְרַבִּי עֲקִיבָא"**, פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים האט ר' עקיבא געהאט, **"וְכֻלָּן מֵתוּ בְּפֶרֶק אֶחָד מִפְּנֵי שֶׁלֹּא נָהֲגוּ כָּבוֹד זֶה לָזֶה, וְהָיָה הָעוֹלָם שָׁמֵם"**, און אלע פון זיי זענען געשטארבן אין איין צייט ווייל זיי האבן זיך נישט מכבד געוועזן איינער דעם צווייטן, און די וועלט איז געוועזן דעמאלט וויסט פון תורה; דאס איז געוועזן אין די טעג פון ספירה. דעריבער האלטן מען אין די טעג אבילות, מען הערט נישט קיין מוזיק, מען מאכט נישט קיין חתונות און מען באנייט נישט קיין נייע קליידער וכו'.

#### נישט טשעפענען א צווייטן

אין די טעג דארפן מיר זיך שטארקן און אריינטראכטן ווי אזוי מיר פירן זיך אויף בין אדם לחבירו; מען זאל זען מער אכטונג געבן אויף א צווייטן און נישט טשעפען א צווייטן, אזוי וועלן מיר פארעכטן וואס זיי האבן פוגם געווען. ווייל די תלמידים פון ר' עקיבא האבן זיך נישט געקענט סובל זיין איינער דעם צווייטן, זיי האבן געקוקט מיט א שלעכט אויג איינער אויפן צווייטן, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה סא, ג): **"שְׁנֵים עָשָׂר אֶלֶף תַּלְמִידִים הָיוּ לְרַבִּי עֲקִיבָא מֵעַכּוֹ וְעַד אַנְטִיפְּרָס, וְכֻלָּם בְּפֶרֶק אֶחָד מֵתוּ, לָמָּה? שֶׁהָיְתָה עֵינֵיהֶם צָרָה אֵלּוּ בְּאֵלּוּ"**; דאס דארפן מיר פארעכטן אין די איצטיגע טעג.

#### מחלוקות קומט פון עבירות

דער הייליגער אריז"ל זאגט (לקוטי תורה, בלק): די פיר און צוואנציג טויזענט תלמידים פון רבי עקיבא וואס זענען געשטארבן אין די טעג פון ספירה, דאס זענען גלגולים פון די פיר און צוואנציג טויזענט מענטשן וואס זענען געשטארבן ביי די מגיפה פון די עבירה פון זמרי בן סלוא; ווייל ווען א מענטש זינדיגט אין ניאוף ווערט אים דער מח פארדרייט, ער הייבט זיך אן קריגן מיט א צווייטן, ער הייבט אן קוקן שלעכט אויף א צווייטן און ער איז מקנא א צווייטן. נאכדעם הייבט ער אים אן פיינט צו האבן ביז מען קומט צו רציחה ממש רחמנא לצלן; מען זעט אז די ראשי תיבות פון **ש'נאה, ק'נאה און ר'ציחה איז ש'ק'ר'**, דאס איז די סיבה פארוואס א מענטש קריגט זיך מיט א צווייטן, אלעס ווייל ער ליגט אין ניאוף.

### אחדות ברענגט משיח

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא ט.): דער ערשטער בית המקדש איז חרוב געווארן ווייל זיי האבן עובר געווען אויף די דריי הארבע עבירות, דער צווייטער בית המקדש איז חרוב געווארן נאר וועגן שנאת חנם, פירט די גמרא אויס: "וַעֲדַיִן מְרַקֵּד בֵּינָן". דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין ליב צו האבן איינער דעם צווייטן און אנטלויפן פון מחלוקות, אזוי וועלן מיר קענען ברענגען משיח צדקינו.

## התחזקות פון דער ראש ישיבה שליט"א

לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר

איך וויל דו זאלסט האבן גוטע חברים, דו זאלסט אנטלויפן פון שלעכטע חברים מער ווי מען לויפט אוועק פון א פייער, ווייל שלעכטע חברים קענען חרוב מאכן דאס לעבן פון די וועלט און פון יענע וועלט.

צוויי סימנים געב איך דיר צו זען ווער איז א נישט גוטע חבר פאר דיר:

1)הער וואס יענער רעדט, אז יענער רעדט מיאוסע ווערטער אדער כמו מיאוסע ווערטער - זאלסטו אוועק שטיין פון יענעם. דער הייליגער רבי זאגט (ספר המדות אות ניבול פה חלק א, סימן א): **"מִי שֶׁמְּדַבֵּר נִבּוּל פֶּה, בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת אָוֶן"**, ווער עס רעדט שמוציג איז דאס א סימן אז ער איז א שמוציגער מענטש; געב זיך זייער אכטונג פון בחורים וואס רעדן פון שידוכים וכו'.

2)געב זיך אכטונג פון בחורים וואס זאגן דיר זאלסט נישט פאלגן דיינע עלטערן, פון זיך אוועק רירן פון די וועג פון די עלטערן, חס ושלום, חס וחלילה זיך אוועק ריקן פון די וועג וואס די עלטערן גייען.

זיי שטארק מיטן סדר דרך הלימוד (המבואר בשיחות הר"ן, סימן עו), לערן יעדן טאג אכצן פרקים משניות, זיבן דפים גמרא, זאג דעם יום תהילים און לערן אסאך ספר המידות.

אויך זאלסטו גיין אין גאס מיט די אויגן אראפ און די קאפ און הארץ אויף ארויף, רעד צום אייבערשטן, בעט אים אז דו זאלסט זוכה זיין צו תשובה טון און זיין א צדיק.

## בין כותלי הישיבה

**דער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן די צווייטע חלק, סימן ה': עיקר הוא אמונה - דער עיקר איז אמונה. א מענטש דארף זיך בארעכענען, "וואו האלט איך אין די אמונה? מענטשן ליידן שווערע חולאים און שווערע קרענק, דאס ליידט מען נאר בשביל נפילת האמונה.**

**מענטשן פלאגן זיך היינט מיט אזויפיל שוועריגקייטן, "מענטל דיסארדערס" וואס פייניגט דעם מענטש. קיינער ווייסט נישט וואס מענטשן גייען אלץ אריבער, אבער עס איז דא אן עצה...**

**צו הערן די גאנצע שיעור:**

**212-444-9191 דערנאך: 1|2|1|9|2|35**

## קורץ און שארף

**"שאין לך אדם שאין לו שעה. ווער עס היט נישט די צייט, איז נישט קיין מענטש."**

(מוהרנ"ת זי"ע)

קול ברסלב - שיעורים | חיזוק יומי | ניגונים | שמועסן| מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191\ 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 | ענגלאנד 03303502361 | קאנאדא 4383008080 | בעלגיע 3235003461 | ארגענטינע 11552354370